אומריינעם גייסט; און ער האָט אַ געשריי געטון,
24 אַזוי צו זאָגן: וואָס האָבן מיר מיט דיר, ישוע פֿון
נצרת? דו ביסט געקומען אונז צו פֿאַרדאַרבן! איך
25 ווייס ווער דו ביסט: דער קדוש אלקים. און ישוע
האָט אויף אים אָנגעשריגן, אַזוי צו זאָגן: שווייג,
26 און גיי אַרויס פֿון אים! און דער אומריינער
גייסט האָט אים אַ ריס געטון, האָט געשריגן מיט
27 אַ הויך קול און איז פֿון אים אַרויס. און אַלע זענען
אַזוי דערשטוינט געוואָרן, אַז זיי האָבן דאָס
איבערגעפֿרעגט צווישן זיך, אַזוי צו זאָגן: וואָס
איז דאָס דאָזיקע? אַ נייע לערנונג מיט מאַכט! אַפֿילו
די אומריינע גייסטער באַפֿעלט ער, און זיי געהאָרכן
28 אים. און גלייך האָט זיך זיין שם פֿאַרשפּרייט
אומעטום אין דער גאַנצער געגנט אַרום גליל.
29 און גלייך ווי זיי זענען אַרויסגעקומען פֿון דער
שול, זענען זיי אַריינגעגאַנגען אינעם הויז פֿון שמעון
30 און אַנדריי, צוזאַמען מיט יעקבֿן און יוחנן. שמעונס
שוויגער אָבער איז געלעגן קראַנק מיט אַ פֿיבער;
31 און זיי האָבן אים תּיכף געזאָגט וועגן איר. און ער
איז צוגעגאַנגען און האָט זי אָנגענומען ביי דער
האַנט, און זי אויפֿגעשטעלט; און דאָס פֿיבער איז
פֿון איר אַוועק, און זי האָט זיי באַדינט.
32 און ווען עס איז געוואָרן אָוונט, ווען די זון איז
אונטערגעגאַנגען, האָט מען געברענגט צו טראָגן
צו אים אַלע קראַנקע, און באַזעסענע מיט בייזע
33 גייסטער. און די גאַנצע שטאָט איז זיך צוזאַמענ־
34 געקומען ביי דער טיר. און ער האָט געהיילט אַ סך,
וואָס האָבן געהאַט פֿאַרשיידענע קראַנקהייטן, און
פֿיל בייזע גייסטער האָט ער אַרויסגעטריבן; און
האָט די בייזע גייסטער נישט געלאָזט רעדן, ווייל
זיי האָבן אים געקענט.